# פרשת נצבים כ"ב – כ"ח אלול תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת נצבים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **ישעי' האפפמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בורשטין.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הכוללים שבראשות **הרה"ג רבי אהרן שמואל פרענקל שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר, שהתקיים בבית הר"ר **ישראל יעקב פרענקל** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **חיים יודא** (ב"ר בן ציון שלום) **שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר זעליג בראדט** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה שטייט, ושמחת בכל הטוב, דו זאלסט זיך פרייען מיט די גוטס, אשר נתן לך ה' אלקיך, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, ולביתך, און פאר דיין שטוב, אתה והלוי והגר אשר בקרבך (דברים כו-יא), דו צוזאמען מיט דעם לוי, און דער גר וואס איז צווישן דיר. די תורה רעדט פון ביכורים, אז ביכורים האט מען געדארפט ברענגען אין א זמן פון שמחה. זאגט די תורה, ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלקיך, פריי זיך מיט די מצוה וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן. דו דארפסט ברענגען ביכורים, און דער לוי דארף ברענגען ביכורים, און דער גר דארף אויך ברענגען ביכורים.

**ליכא** מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אלעס קען מען מרמז זיין אין די תורה. די גמרא (יבמות סב:) זאגט, שרוי בלא אשה, שרוי בלא טובה. ווייל אזוי שטייט בתחלת הבריאה, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, האט ער געזאגט (בראשית ב-יח), לא טוב היות האדם לבדו, עס איז נישט גוט אז דער מענטש איז אליין, אעשה לו עזר כנגדו, דער באשעפער האט באשאפן חוה פאר א עזר פאר אדם הראשון. און שרוי בלא אשה, איז שרוי בלא טובה, עס פעלט אים פונעם טוב. - אזוי ווי עס פעלט פאר אים טוב, ווען ער האט נישט חתונה, פעלט פאר איר אויך אין איר טוב. אזוי שטייט אין די גמרא (יבמות קיח:), אז א אשה איז אסאך מאל מסכים אפילו צו טון א שוואכע שידוך, ווייל טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו. ענדערש וואוינען מיט נאך איינעם אין שטוב, ווי איידער צו זיצען אליין. קומט אויס אז א שידוך איז טוב פון ביידע צדדים. עס איז א טוב פאר אים, לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו. און עס איז א טוב פאר איר אויך, טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו.

**זאגט** די תורה הק', ושמחת בכל הטוב, ווען דער אייבערשטער העלפט, עס קומט די צייט וואס מען טוט א שידוך, דו טרעפסט דיין טוב. ושמחת בכל הטוב, פריי זיך מיט דעם גוטס, אשר נתן לך ה' אלקיך, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, ולביתך, ביתו זו אשתו (יומא ב.). פאר דיר איז טוב, און פאר איר איז טוב. ושמחת בכל הטוב, עס איז א צייט פון שמחה, עס איז דא שבע ברכות, טעג וואס מען איז זיך משמח אויף דעם זיווג וואס דער אייבערשטער האט צוגעשיקט איינער פארן צווייטען.

**און** דער פסוק ענדיגט, אתה והלוי והגר אשר בקרבך. מען ווייסט וואס די גמרא (תענית ט.) זאגט, אז די סגולה פאר עשירות איז, צו געבן צדקה. עשר תעשר (דברים יד-כה) עשר בשביל שתתעשר. ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך (שם טו-י). אז מען גיט פאר אנדערע, שיקט דער אייבערשטער נאכדעם א ברכה אין שטוב. קומט אויס, אז א מענטש האט אסאך מאל אינטערעסע צו געבן צדקה, צו טון חסד, ווייל ער ווייסט אז עס איז אויף די קאנטע פונעם רבונו של עולם. דער אייבערשטער וועט עס אים צוריק צאלן, ער וועט זוכה זיין צו עשירות.

**עס** איז דא אבער נאך א וועג ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו עשירות. די גמרא (בבא מציעא נט.) זאגט, לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו, א מענטש זאל מכבד זיין די ווייב, שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו, ווייל די שטוב ווערט נישט געבענטשט, נאר דורך איר. די גמרא דרשנ'ט עס פון א פסוק (בראשית יב-טז) ולאברם הטיב, פאר אברהם האט מען גוטס געטון, בעבורה, אין איר זכות. והיינו דאמר רבא, אוקירו לנשייכו, גיבטס כבוד פאר די שטובער, כי היכי דתתעתרו, כדי מען זאל ווערן א עושר.

**אויב** אזוי, וועט א מענטש טראכטען, פארוואס דארף ער געבן צדקה פאר א צווייטען. ער וועט משמח זיין את אשתו, ער וועט איר קויפן וואס זי דארף האבן, ער וועט מייקר זיין את אשתו, וועט ער אויך זוכה זיין צו עשירות. קען דאך אמאל זיין אז דער ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלקיך, וועט זיין אויפן חשבון אז מען וועט נישט געבן פאר די עניים. זאגט די תורה, ניין, ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלקיך, אבער פארגעס נישט, אתה והלוי והגר אשר בקרבך, די שמחה זאל נישט זיין ביי דיר נאר אין שטוב אליין, נאר דו זאלסט זעהן משמח צו זיין אנדערע אויך. עס דארף זייןביידע, געבן פאר אנדערע, און אין שטוב אליין דארף זיין אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו.

*

***יום שני פרשת נצבים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר לעיקוואד, לבית הר"ר **חנני' יו"ט ליפא** (ב"ר הערשל) **שפיץ** הי"ו, לקבל את קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום שלישי פרשת נצבים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, לבית הרבני הנגיד רבי **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו, שם שהה משך שעה ארוכה לקבל את קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

***יום רביעי פרשת נצבים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, והמשיך לקבל את קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום חמישי פרשת נצבים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת **הרב שמעון פליישמאן** ז"ל, משפחת **הגה"צ רבי יצחק אייזיק ווידער** זצ"ל אב"ד לינז-ירושלים, משפחת הר"ר **לייב ליעבער** ע"ה, משפחת גאטליעב שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הרב יצחק אלחנן גאטליעב ע"ה), משפחת שענדארף שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

בשעות הערב התקיים סעודת הילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל** בבית מדרשנו. אחר הסיום על ידי **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי, ודברי זכרון על ידי הר"ר **ראובן קאליש** הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי די סעודת הילולא פונעם פריערדיגען רב זצ"ל, די תלמידים קומען זיך צוזאם, זיך צו דערמאנען די וועגן וואס מען האט געלערנט. יארן גייען אדורך, און גזירה על המת שישתכח מן הלב, מען פארגעסט פון צייט צו צייט, איז באמת א געוואלדיגער ענין, אז תלמידים קומען זיך צוזאם אין טאג פון די הילולא פון זייער רבי'ן, זיך צו דערמאנען פון די אמאליגע יארן. און בפרט אז עס ברענגט זכרונות ווי אזוי מען האט אליין אויסגעקוקט אין די יוגנט, בשעת מען האט נאך זוכה געווען צו זיין אין בית המדרש, ווען עס איז געווען תורתו אומנתו, מען איז געזעסן און געלערנט און גערדינט דעם אייבערשטען, און זייט מען האט איבערגעלאזט די בחור'ישע יארן, איז מען ארויסגעגאנגען אין א אנדערע סארט וועלט וואס מען לעבט. עס קומט פאר די הייליגע טעג, איז בעצם די זאך אליין א דבר חשוב, מען זאל זיך

דערמאנען אפאר מינוט, ווי אזוי מען האט אליין אויסגעזעהן אמאל, ווי אזוי די פארטאגס'ן האבן אמאל אויסגעקוקט, ווי אזוי די נעכט האבן אויסגעזעהן, כי טוב לי אז מעתה, עס איז אסאך שענער געווען יענע יארן ווי מען איז יעצט. און מען דארף על כל פנים משתוקק זיין, וואס מען קען משלים זיין, פון די ימי הנעורים.

**די** גמרא (תענית כד:) פארציילט, אז ביי רבי חנינא בן דוסא אין שטוב איז געווען א געוואלדיגע עניות, עס איז נישט געווען וואס צו עסן, בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת, כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובים מערב שבת לערב שבת, ער האט נישט געהאט מער פון א שטיקל באקסער צו עסן א גאנצע וואך. און די רעבעצין פון רבי חנינא בן דוסא האט זיך שטארק מצער געווען אז מען לעבט אין אזא עניות. און זי האט אמאל געזאגט פארן מאן, בעא רחמי דניתבו לך מידי, בעהט רחמים אז מען זאל אונז עפעס געבן פון הימל. בעא רחמי, האט רבי חנינא מתפלל געווען, יצתה כמין פיסת יד, איז ארויסגעקומען אזוי ווי די פארעם פון א האנט, ויהבו ליה, און מען האט אים געגעבן, חד כרעא דפתורא דדהבא, א פוס פון א גאלדענע טיש. א טיש שטייט אויף פוס, האט מען אים געגעבן א גאלדענע פוס. דו האסט געבעטן אז דו דארפסט געלט, דא האסטו. נאכדעם האט ער געזעהן אין חלום, אז צדיקים זיצען אויבן אין גן עדן, און יעדער איינער זיצט אפתורא דדהבא דאית ליה תלת כרעי, זיי זיצען אויף טישן וואס יעדע טיש האט דריי פוסלעך, און זיי זענען געזעסן אפתורא דתרי כרעי, אויף א טיש וואס האט נאר געהאט צוויי פוס. האט זי געזאגט, ניחא לך דמיכל אכלי כולי עלמא אפתורא דמשלם ואנן אפתורא דמיחסר, אלע צדיקים אויבן וועלן זיצען אויף א טיש מיט דריי פוס, און אונז וועל מיר זיצען אויף א טיש פון צוויי. עס איז זיכער נישט ניחא אזוי צו זיין אין עולם הבא. האט זי געפרעגט, מאי נעביד, וואס קען מען טון. האט זי געזאגט, בעהט רחמי אז מען זאל עס צוריקנעמען. האט ער געבעטן רחמים, ושקלוהו, עס איז געקומען א האנט, און עס האט צוריקגענומען דעם פוס.

תנא, גדול היה נס האחרון יותר מן הראשון, דאס איז נאך געווען א גרעסערער נס, אז מען האט צוריקגענומען, ווייל פון הימל איז מיהב יהבי, משקל לא שקלי, אין הימל גיט מען, און מען נעמט נישט צו, און דא האט מען צוריקגענומען.

**אין יערות דבש** (ח"א דרוש ד', ח"ב דרוש י'), איז דא א דרוש אויף די גמרא, ער פרעגט כמה קושיות אויף די מעשה. ער האט דאך געבעטן אז מען זאל אים געבן פון יענע וועלט, האט ער דאך געוואוסט אז מען וועט אים עפעס געבן פון זיין חלק לעולם הבא. פארוואס שפעטער ווען מען האט עס אים געגעבן, און ער האט געזעהן אז עס פעלט אים, האט ער געבעטן אז מען זאל עס צוריק נעמען. ער האט דאך געוואוסט פארדעם אויך, אז אויב מען בעהט עפעס, וועט פעלן פון יענע וועלט. און וואס איז דער ענין אז יעדער זיצט אויף א טיש פון דריי פוס, און ער זיצט נאר אויף צוויי פוס. עס איז א גרויסע נפקא מינה צו דער טיש האט דריי פוסלעך, צו עס האט נאר צוויי פוסלעך?! וואס ליגט אין די מעשה.

**דער יערות דבש** טייטשט, אז דאס וואס צדיקים זיצען אויבן אין הימל אויף א טיש פון דריי פוסלעך, ווייל די וועלט שטייט אויף דריי זאכען, תורה עבודה און גמילות חסדים (אבות א-ב), און אזוי ווי א צדיק איז זיך משלים אין אלע עמודי העולם, האט ער אויבן א טיש פון דריי פוס. פאר רבי חנינא בן דוסא מיט זיין רעבעצין האט נישט געאהרט די עניות אין שטוב, נאר זיי האבן געפילט אז זיי קענען נישט טון קיין גמילות חסדים. אז מען האט נישט קיין געלט, קען מען נישט טון קיין גמילות חסדים, איז ממילא האט ער געבעטן פונעם אייבערשטען, ער זאל אים געבען ער זאל האבן ברייטקייט, כדי ער זאל זיך קענען משלים זיין אין די מדה פון גמילות חסדים. דאס איז געווען א טענה וואס מען קען פארשטיין, האט ער מתפלל געווען, און מען האט אים געגעבן א גאלדענע פוס, אז ער זאל קענען פון דעם טון חסד.

**שפעטער** האט זיך אבער אויסגעוויזען אז אלע צדיקים זיצען אויף א טיש פון דריי פוס, זיי

האבן תורה און עבודה און גמילות חסדים, און ער האט נישט. ער האט נאר צוויי פוס, תורה און עבודה. פארוואס? זאגט דער **יערות דבש**, ווייל ווען א מענטש האט געלט, און ער טוט חסד, איז ער באגרעניצט וויפיל ער קען טון, און ווי אזוי ער טוט עס. צוטרעפן דעם ריכטיגען ארימאן פארוועם ער זאל עס געבן, און ווי אזוי מען זאל עס געבן, עס זאל זיין בסבר פנים יפות, און עס זאל נישט זיין אויף א וועג ווי יענער שעמט זיך דערמיט. און וויפיל מאל, זאגט מען אפ א מענטש. קען דען א מענטש זיין אויסגערעכנט וויפיל מען דארף. דער צדיק אבער וואס האט נישט, איז דאך נאר מקיים זיין חסד מיטן חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (ברכות ו.). חישב לעשות מצוה, יא, דער צדיק טראכט אז ער וויל טון גוטס, און ער וויל עס טון אויפן העכסטן אופן.

**האט** ער געזעהן אז אלע צדיקים וואס זיי האבען נישט געהאט קיין געלט, די זיצען ביי א טיש פון דריי פוס, ווייל זיי האבן תורה, און זיי האבען עבודה, און געלט האבן זיי נישט געהאט, איז דאך חישב לעשות מצוה ונאנס עליה ולא עשאה, ווערט גערעכנט ווי זיי האבן געטון גוטס, האבן זיי דריי פוס. אבער ער, זייט ער האט באקומען געלט, האט ער נאר צוויי פוס, ווייל די גמילות חסד ביי אים, אפילו ער קען טון גמילות חסד, ער קען דאך עס אבער נישט טון אזוי ווי חישב לעשות מצוה ונאנס עליה ולא עשאה. ער זאל עס טון בשלימות אזוי ווי מען דארף, מיטן גאנצען הארץ, אן קיין פניה, און אן קיין התנשאות. האט ער געזאגט, לוינט זיך דאך נישט די גאנצע מעשה. איך האב עס נאר געבעטן וועגן דעם כדי איך זאל קענען טון חסד, אבער אז עס וועט מיך פעלן די פוס פון חסד, זאל מען ענדערש צוריקנעמען די פוס. אזוי טייטשט דער **יערות דבש**.

**איך** האב געטראכט אביסל אנדערש. א צדיק, פארשטייט יעדער איינער אז ער איז גרויס אין תורה און אין עבודה. ער איז א יושב אוהל, ער זיצט און לערנט, ער איז מרביץ תורה, ער דינט דעם אייבערשטען. תורה און עבודה אז ער האט בשלימות, פארשטייט יעדער איינער. חסד מיינט מען אז עס פעלט ביי א צדיק. ער קען דאך נישט טון קיין חסד, ער האט נישט מיט וואס ער זאל טון חסד. דערווייל איז אבער דער צדיק דער גרעסטער בעל חסד וואס איז דא אין די וועלט. ווייל אזוי ווי א צדיק ברענגט דאך אראפ די השפעה אויף די וועלט. כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, קומט אויס, אז דאס וואס יודען האבן געלט, און מען קען טון חסד, פון וואו האבן זיי דאס באקומען, מיט וואס פאר א כח האבן זיי ממשיך געווען די שפע פונעם הימל, דאס קומט דאך פונעם צדיק וואס דינט דעם אייבערשטען. קומט אויס, אז אלע חסדים וואס געשעהען אויף די וועלט, קומט אלעס מכח פון דעם צדיק, וואס כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני. דער צדיק איז מתפלל אויף פרנסה, דער צדיק איז אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, ונתתי גשמיכם בעתם. קומט אויס אז א צדיק האט דריי פוס אויבן, אפילו ער האט קיינמאל נישט עוסק געווען אין חסד, אבער די השפעה פונעם חסד אויף די וועלט, האט ער אראפגעברענגט. און וואס עס איז דא חסד אויף די וועלט, קומט אלעס פון אים. איז וועגן דעם זיצט א צדיק אויבן אין הימל אויף א טיש מיט דריי פוס, ער האט תורה און עבודה און גמילות חסדים.

**און** נישט נאר ער טוט גמילות חסדים מיט געלט, די גמרא (ברכות סד.) זאגט, תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם. זיי גייען דען ארום אין די וועלט, און זיי זענען מרבה שלום?! נאר די כוונה דערפון איז, אז א תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, איז ממשיך די השפעה פון אויבן, ער טוט מסדר זיין אלע פראבלעמען וואס איז דא בין אדם לחבירו. און ווען עס איז דא שלום בית אין שטוב וכדומה, אויף אלעם איז ער מתפלל, און אויף אלעם ברענגט ער אראפ א שפע פון אויבן אין הימל, אז עס זאל זיין ווי עס דארף צו זיין. ער איז מרבה שלום בעולם, מיט זיין כח התפלה, און מיט זיין עבודת ה', ברענגט ער אראפ אז עס זאל זיין א חסד בין אדם לחבירו, עס זאל זיין א חסד בין איש לאשתו. און אלע סארט חסדים, איז ער דער

וואס איז ממשיך און ער ברענגט אראפ די השפעה. און וועגן דעם זיצט א צדיק אויבן אין הימל אויף א טיש פון דריי פוס, ער האט תורה און עבודה און גמילת חסדים.

**איז** דאך א כל שכן אז רבי חנינא בן דוסא, וואס א בת קול איז ארויסגעקומען כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, און די תורה פון רבי חנינא בן דוסא איז דאך געווען א תורה מתוך הדחק, די לו בקב חרובים מערב שבת לערב שבת, איז דאך עס געווען די העכסטע סארט תורה וואס רבי חנינא בן דוסא האט געלערנט, און די תורה וואס ער האט געלערנט האט אראפגעברענגט השפעות פאר די גאנצע וועלט, כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני. האט רבי חנינא בן דוסא אויך געהאט אויבן אין הימל א טיש מיט דריי פוס, תורה און עבודה און גמילת חסדים.

**שפעטער** ווען דאס ווייב האט אים געמוטשעט אז ער זאל מתפלל זיין אז ער זאל האבן געלט, און מען האט אים פון הימל געגעבן א גאלדענע פוס, איז דאך פון יעצט אן גייט ער שוין נישט לערנען קיין תורה מתוך הדחק, אז עס זאל זיין די לו בקב חרובין, ער האט דאך שוין באקומען יעצט א גאלדענע פוס, אז די שטוב זאל זיין מער בהרחבה. קומט אויס, אז יעצט גייט אים שוין פעלן זיין דריטע פוס וואס ער האט אויבן אין הימל, אז ער איז דער ממשיך פון אלע חסדים אויף די וועלט, און אלעס ווערט נמשך פון זיין תורה מתוך הדחק, ער גייט דאך מער נישט האבן קיין תורה מתוך הדחק. אז ער וועט נישט האבן קיין תורה מתוך הדחק, איז ער דאך נישט ממשיך מער אזוי ווייט די השפעה, אז כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני. האט ער זיך דערזעהן, אז ביז יעצט האט ער געהאט דריי פוס, ווייל ער האט דאך געהאט אראפגעברענגט מיט זיין תורה די חסדים אויף די וועלט, און יעצט איז ער נאר געבליבן מיט צוויי. לוינט זיך דאך גארנישט די גאנצע געשעפט. האט ער געבעטן אז מען זאל עס צוריק נעמען פון אים, ער וועט ווייטער טון חסד נישט מיט קיין געלט, ער וועט טון חסד מיט לערנען תורה, און דינען דעם אייבערשטען, מיט דעם וועט ער אראפברענגען די השפעות פון חסדים פאר די גאנצע וועלט. האט ער געבעטן מען זאל אים צו נעמען די פוס, ער דארף עס נישט האבן, ער וועט משלים זיין, זיין תורה און עבודה און גמילות חסדים אויף אנדערע אופנים, אן דעם וואס ער זאל דארפן האבן די כרעא דדהבא. ווייל דאס איז די עבודה פון א צדיק, ער דינט דעם אייבערשטען מיט תורה און עבודה, און מיט דעם שפרייט ער אויס חסד איבעראל אז עס קומט אראפ א השפעה אויף די וועלט, וואס יעדער זאל האבן וואס מען דארף צו האבן, דאס איז דער כח פון אזא צדיק, קומט אויס אז ער איז א בעל חסד אויך.

**און** זיין חסד שטייט נאך אסאך העכער. מען פארציילט נאך פונעם **חפץ חיים זצ"ל**, אז מען האט געוואלט אמאל בויען א שפיטאל אין ראדין, צו אין די געגענט ארום. און דער **חפץ חיים** האט צוזאם גערופן א אסיפה, די נגידים, אז יעדער זאל זיך משתתף זיין, מען זאל קענען בויען דעם שפיטאל. און מען האט פארקויפט בעטן. צו קענען מסדר זיין א בעט אין שפיטאל האט געקאסט טויזנט גילדען. און דער האט גענומען אויף זיך איין בעט, און דער האט גענומען צוויי בעטן, פינף בעטן, צען בעטן, ווי דער סדר איז. און דער **חפץ חיים** האט אלץ געהאט תלמידים וואס האבן זיך געדרייט ארום אים, און זיי האבן זיך אויך דארט ארומגעדרייט ביי די מסיבה, ווען מען האט גערעדט וועגן אויסהאלטן דעם שפיטאל. האט זיך איינער פון די נגידים אנגערופן צום **חפץ חיים**, און ער האט געפרעגט, וואס געבן די בחורים וואס דרייען זיך דא? האט דער **חפץ חיים** געענטפערט דערויף, זיי געבן אז מען זאל נישט דארפן האבן צען בעטן אין שפיטאל! עטץ קענטס טון חסד אז עס זאל זיין בעטן, און מען זאל קענען היילן מיט די בעטן. זייער חסד איז אסאך א העכערער חסד, זייער חסד איז, אז זיי טוען מונע זיין אז מען זאל נישט דארפן האבן קיין בעטן אין שפיטאל. דאס אז עס זאל זיין א השפעה אויף די וועלט, א תורה'דיגע השפעה, און עס זאל גארנישט פעלן דאס איז די כח פון לומדי תורה, פון די וואס זיצען און לערנען, און דינען דעם אייבערשטען.

**איך** האב געטראכט די וואך, די פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון מעשרות, כי תכלה לעשר את כל מעשר תבואתך (דברים כו-יב), און יעדער ווייסט אז מען האט געגעבן צוויי מעשרות. מעשר ראשון האט מען געגעבן אלע יארן, מעשר שני האט מען געגעבן די ערשטע צוויי יאר פונעם שמיטה, די דריטע יאר איז געווען מעשר עני, די פערטע און פופטע יאר איז ווייטער געווען מעשר שני, די זעקסטע יאר איז געווען מעשר עני. למעשה האט מען נאר געגעבן פאר די עניים מעשר, צוויי מאל אין א שמיטה. די דריטע יאר, און די זעקסטע יאר. און די איבריגע יארן האט מען נישט געגעבן קיין מעשר עני. מען האט אראפגענומען א צענטל און מען האט עס געהאלטן פאר זיך, מעשר שני. פארוואס דארף מען נאר געבן מעשר עני איינמאל אין דריי יאר? די עניים דארף נישט לעבן נאר איינמאל אין דריי יאר?! פארוואס קומט זיך נישט אז מען זאל געבן פאר זיי שטענדיג מעשר? און פארוואס האט מען דאס צוגעבינדען צו מעשר שני. ווען די גיבסט מעשר שני דארפסטו נישט געבן קיין מעשר עני, און ווען דו גיבסט מעשר עני דארפסטו נישט געבן מעשר שני. מה ענין שמיטה אצל הר סיני, מעשר שני איז א ענין פאר זיך, און מעשר עני איז א ענין פאר זיך. פארוואס האט מען איינגעטיילט אז מעשר עני איז נאר דא צוויי מאל אין א שמיטה, און נישט שטענדיג.

**קען** זיין לויט דעם, אז דער פשט דערפון איז. פארוואס האט מען געדארפט געבן מעשר שני? וואס איז דער ענין פון מעשר שני? למען תלמד ליראה את ה' אלקיך. מען האט עס נישט געגעסן אין שטוב, מען האט געדארפט ארויפגיין קיין ירושלים, מען האט געזעהן ווי אזוי ערליכע יודען דינען דעם אייבערשטען, און ער האט זיך אראפגעלערנט דערפון ליראה את ה' אלקיך. און ווען מען איז אהיימגעקומען האט מען געפירט דורך דעם א ערליכען שטוב, ווייל מען האט צוגעזעהן די עבודה פון ערליכע יודען, פון די כהנים אין בית המקדש.

**ווען** א יוד פירט זיך ערליך, ער גיט מעשר שני, למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, איז די גאנצע שטאט געווען א ערליכע שטאט, דורך די מעשר שני וואס מען האט געגעבן. האט עס אראפגעברענגט א שפע אויף די וועלט, אז מען האט נישט געדארפט האבן קיין מעשר עני, דאס אליין האט אוועקגענומען די עניות פון די וועלט. אם בחוקותי תלכו, אז מען פירט זיך ערליך, און עס איז דא מעשר שני, למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, האט עס אראפגעברענגט א השפעה אויף די וועלט, האט מען נישט געדארפט האבן קיין מעשר עני. א יאר וואס עס איז נישט דא קיין מעשר שני, א יאר וואס איז נישט דא די למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, ווערן נתרבה די עניים, דעמאלטס דארפסטו געבן מעשר עני. די תורה האט אונז געוואלט לערנען, דו זאלסט וויסן, אז מעשר שני וואס דו טראגסט ארויף קיין ירושלים, און דו לערנסט זיך אויס זיך צו פירן ערליך, דאס איז ביי מיר אזוי חשוב ווי דער מעשר עני. ווייל דאס טוט אראפברענגען די שפע אז דער עני זאל נישט דארפן צוקומען און דארפן האבן זיין מעשר. איינס האט געדעקט דאס צווייטע.

**און** דאס איז די חשיבות פון צדיקים וואס דינען דעם אייבערשטען, און זיי זענען מרביץ תורה פאר תלמידים. תורה און עבודה פארשטייט יעדער איינער אז זיי האבן. עס איז נישט נאר תורה און עבודה, עס איז תורה מיט עבודה און גמילות חסדים. צדיקים זענען זוכה, אז אויבן אין הימל זיצען זיי ביי א טיש פון דריי פוס, תורה און עבודה וואס זיי האבן זיך משלים געווען איז א פשיטא, נאר אפילו די חסד וואס זיי האבן אראפגעברענגט מיט זייער תורה, מיט דעם וואס א תלמיד חכם זיצט ביי זיך אין שטוב און ער לערנט תורה, א רבי וואס איז מרביץ תורה פאר תלמידים, ברענגט אראפ א השפעה פון חסד, אז כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני. די גמרא (סוכה מט:) זאגט, אז תורה ווערט אנגערופן תורת חסד, ותורת חסד על לשונה (משלי לא-כו), די גמרא פרעגט, איז דען דא א תורה של חסד, ותורה שאינה של חסד. זאגט די גמרא, תורה ללמדה דאס איז תורה פון חסד. עס איז דא תורת חסד על לשונה, די תורה וואס מען זיצט און מען לערנט, עס איז אם בחוקותי תלכו

ונתתי גשמיכם בעתם, דאס איז נישט נאר לימוד התורה אליין, דאס איז א תורה וואס האט אין זיך חסד, ווייל דורך די השפעה פון די תורה וואס מען לערנט, ברענגט עס אראפ חסד אויף די וועלט.

**מען** האט פריער גערעדט, אז דער רב זצ"ל האט זיך אוועק געגעבן זיין גאנץ לעבן נאר פאר הרבצת התורה, פון צופרי ביז ביינאכט. עס איז געווען א זעלטענהייט אפילו בימים ההם אז מען זאל זעהן א רב זאל זיצען פון צופרי ביז ביינאכט און לערנען מיט תלמידים, און די גאנצע קאפ איז געווען נאר אויף הרבצת התורה, איז אוודאי אז אין טאג פון די הילולא, גייט די נשמה אלץ העכער און העכער, מה כאן עומד ומשמש אף התם עומד ומשמש.

**עס** איז טעג וואס מען האלט נאנט צום יום טוב, עס איז ימי תשובה, דארף זיך א מענטש מתבונן זיין, ווי אזוי מען האט אויסגעזעהן אין די יונגע יארן, און ווי אזוי מען קען זיך צושטעלן אז עס זאל זיין ענליך על כל פנים, די יארן יעצט. וויפיל צייט מען האט, אוועקצוגעבן פאר תורה און עבודת ה', אזוי ווי עס איז געווען בימים ההם. מען גייט שוין אריין אין די דריי טאג נאנט צו יום טוב, עס שטייט אין שלחן ערוך (סימן תקפ"א סעיף א'), אז דריי טאג פאר יום טוב דארף זיך א בעל תפלה און א בעל תוקע צוגרייטן דערצו, זיך פורש זיין פון יעדע טומאה. דער הייליגער **חתם סופר** (דרשות ח"ב שסח.) שרייבט, אז אמאל איז עס נאר געווען נוגע פארן שליח ציבור, אבער היינט וואס יעדער איינער איז דער מתפלל אליין, ליגט אויף יעדן איינעם א חוב זיך צוצוגרייטען צום יום טוב דריי טאג פריער. מען גייט יעצט אריין אין די דריי טאג וואס איז נאנט צום יום טוב, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען צוגרייטן צום יום טוב, מען זאל קענען מתפלל זיין און אויסבעטן ביים אייבערשטען אלעס וואס מען דארף צו האבן. די זכות פונעם רב זצ"ל זאל מגין זיין אויף אונז, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר די תלמידים, און פאר די גאנצע קהלה, מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, א לעכטיג יאר, און א פרייליך יאר, עס זאל נשפע ווערן השפעות טובות אויפן גאנצן כלל ישראל, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת נצבים</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מיכאל שפיצער** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **שלמה יוסף געלב** ע"ה.